# Die Entwicklung der jüdischen Pädagogik in Osteuropa – und die Leistung Janusz Korczak's darin

# די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישן פּעדאַגאָגיק אין מזרח אייראָפּע – און די ספּעציעלע דערגרייכונג פֿון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק

## Limmud 2012 – לימוד

## von Chaim Frank – פֿון חיים פֿראַנק

In diesem Vortrag (in Jiddischer Sprache) will ich einen kurzen historischen Überblick geben über das jüdische Schulwesen in Osteuropa allgemein und die Entwicklung in der Pädagogik. Den Schwerpunkt den ich dabei gesetzt habe bezieht sich auf das „*Erziehungs-System*“, zum einen und schließlich Janusz Korczak und sein einzigartiger Blick auf die Entwicklung des Kindes. Wie kann die Persönlichkeit eines Kindes gefördert und gestärkt werden?
Am Ende meiner Ausführung möchte ich noch meine persönliche Erfahrung in der Anwendung des Korczak'schen „*Erziehungs-System*“, bei meiner eigenen Arbeit mit Schülern (ich arbeite seit 15 Jahren an einer Münchner Hauptschule), und wie seine Ideen auch heute noch „hoch-aktuell“ wirken.


| | |
|---|---|
| **הקדמה** | Einleitung |
| **די תְּקוּפֿה פֿון הַשְׂכָּלָה** | Die Epoche der Aufklärung |
| **פֿון חדר צו די וועלטלעכע שולן** | Vom Cheder zu weltlichen Schulen |
| **וועגן דערציִונג בִּכְלָל** | Allgemeines zur Erziehung |
| **קאָרטשאַקס דערציונגס־פּרינציפּן** | Korczaks Erziehungs-Prinzipien |
| **וואָס קען מען אָנווענדן הײַנט?** | Was kann man heute anwenden? |
| **ביבליאָגראַפֿיע** | Bibliographie |




**Alter Kacyzne: Cheder - traditional Jewish primary school - Lublin 1920's. (YIVO NYC Collection)**
**אַלטער קאַציזנע: חדר - טראַדיציאָנעלע ייִדישע גרונט־שולע (לובלין 1920, ייוואָ, נ"י קאָלעקציע)**

# הקדמה

די דערציונג און בילדונג פֿון די ייִדישע מענטשן האָט זיך אַנטוויקלט זייער פֿרי און איז באַלד געוואָרן אַ הויפּט־געבאָט פֿונם ציבור'שן לעבן.
אין סאַמע אָנהייב זענען די שולן קיינמאָל נישט געווען אַ באַשטאַנטייל פֿון די בתי כנסתן. שפּעטער ערשט האָט מען די ביידע אינסטיטוציעס צונויפֿגעפּאָרט, און אַזוי איז אין די אַלגעמײַנע שפּראַך ארײַן דאָס דײַטשע וואָרט «שול» אין קאָנטעקסט מיט די באַגריפֿן „סינאַגאָגע“ (בית כנסת) און „שול־הויז“, ווו מע האָט טאַקע אין די הייליקע ספֿרים געלערנט. לערנען איז געווען פֿון סאַמע פֿריסטע צײַטן אָן אַ הייליקע פֿליכט; צו אַלערשטנס די דינים און מנהגים פֿון די תורה. אַזוי־ארום זענען לייענען און שרײַבן, געווען שוין דעמאָלט די גרונט־באַשטאַנדן פֿון אַ געהעריקע אויסבילדונג.
צוערשט האָט דער טאַטע גענומען צו לערנען מיט זיינע קינדער, שפּעטער האָט מען אײַנגעאָרדנט אין די קהילות לערן־שטיבלס, מיט פּאַסיקע לערערס. די שטיבלעך האָט מען גערופֿן „חדרים“, און צו די לערערס האָט מען געזאָגט „מלמדים“. אזוי האָט זיך ארויסגעבילדט אַן אַלגעמײַנע שול־סיסטעם בײַ די יידן, די *חדרים*, וואָס האָבן עקסיסטירט ביזן אָנהייב פֿונם 20־טן יאָרהונדערט.
בְּעֶרֶך אין דער מיטן פֿונעם 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך בײַ יידן אין מערבֿ אײראָפּע דערהויבן אַ נײַע גײַסטיקײַט אין זײַער לעבן, וואָס איז טיילווייז געווען פֿאַרבונדן מיט די הַשפָּעות פֿון די אָריענטאַלע יידן. אָט דאָס איז געווען די אַזוי גערופֿנע „תְקופָֿה פֿון הַשְׂכָּלָה“, וואָס האָט בְּהַדְרָגָה אײַנגעווירקט אויף'ן יידישן לעבן, ביז גאָר טיף אין תְּחום־הַמּוֹשָׁבֿ ארײַן.
ס'איז אויפֿגעקומען אַ שטאַרקע אָנבינדונג צו די אײראָפּעיִש קולטור און וועלטלעכע בילדונג. דער פֿאַרלאַנג, זיך באַקומען אַרויס פֿון דער איזאָלירטקײַט, ווו דאָס מִיזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום איז פֿאַרבליבן פֿון די לעצטע יאָרהונדערטן, איז געווען גרויס און שטאַרק. עס איז געווען נייטיק צו פֿאַרברייטערן דאָס לערנען און די בילדונג פֿאַר אַלע יונגע מענטשן, וואָס זײַער לעבן זאָל געשטעלט ווערן אויף נײַע יְסודוֹת. טראָץ כְּסֵדֶרדיקע אָפּאָזיציעס מִצַד קאָנסערוואַטיווע און חֲרֵדישע עלעמענטן, האָט דער ייִנגערער דוֹר געמאַכט אין דעם אַ געוויסן פֿאָרשריט.
באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקער קאַמף קעגן אַלט הֶרְגֵלים, קעגן די אומוויסנ־שאַפֿטלעכע, אומפֿולשטענדיקע, און סוֹף־כּל־סוֹף אויך אומ'פּעדאַגאָגישע מעטאָדן פון לערנען די תלמידים. אַחוץ דעם איז פֿאַרלאַנגט געוואָרן, אַז די לערער זאָל באַקומען אַ נייטיק אָרדנטלעכן פּעדאַגאָגישן חינוך.

## די תְקופָֿה פֿון הַשְׂכָּלָה

די פּיאָנערן פֿון דער הַשְׂכָּלָה האָבן שוין פֿרי מיט'ן פֿינגער געטײַט אויף דער אָפּגעלעבטקייט פֿונעם חדר, און איינע פֿון זייערע וויכטיקסטע פֿאָדערונגען איז געווען אַ נייע, אַ מער מאָדערנע און מער וועלטלעכע פּראָגראַם פֿון יידישער דערציאונג. אַ דאַנק די מַשְׂכִּילים האָבן די יידן זיך באַקענט מיט דער אייראָפּעישער קולטור און דערנענטערט זיך צו איר וועלטלעכן גייסט. די דאָזיקע שטרעבונג פֿון די אויפֿקלערער האָט זיך אין רוסלאנד ערשט שפּעטער, צום סוף פֿונעם 18־טן יאָרהונדערט, אַן שטאַרקן אָפּקלאַנג געפֿונען.

אזוי[1], לְמָשָׁל האָט איינער אַ מאָהילעווער מַשְׂכִּיל מיט'ן נאָמען יעקב הירש שוין אין יאָר 1783 צוגעשטעלט דער רוסישער רעגירונג אַ פּראָיעקט „*וועגן עפֿענען אַ יידישע שול אין מאָהילעוו און, לויט איר מוסטער, אַנדערע יידישע שולן אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד*“ איי, ווו ווער מען נעמען לערערס? מע וועט זיי אויסשרײַבן, האָט ער פּראָיעקטירט, פֿון דײַטשלאַנד מיט דער הילף פֿון משה מענדעלסאָן.

אַן אַנדער מַשְׂכִּיל האָט, עטלעכע יאָר שפּעטער, צוגעגרייט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז די יידישע רעפֿאָרם דאַרף זיך אָנהייבן פֿון עפֿענען „*געזעלשאַפֿטלעכע שולן, אין וועלכע די יידישע יוגנט זאָל זיך לערנען רוסיש, דײַטש און העברעיש.*“

אזוי, אַז נאָך פֿאַר יצחק בער לעווינסאָען (1788-1860), „*דעם רוסישן מענדעלסאָן*“ האָבן מַשְׂכִּילים אין רוסלאַנד שוין געחלומט וועגן אַ פֿאַרוועלטלעכטער יידישער שול. מיט רער הילף פֿון יצחק בער לעווינסאָן, זיינע חברים און תלמידים איז דער חלום מקוים געוואָרן. שוין אין דעם ערשטן פּונקט פֿון דער פּראָגראַם פֿון רעפֿאָרמען וואָס יצחק בער לעווינסאָן האָט אויסגעאַרבעט, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט „*צו גרינדן גוט אייַנגעאָרדנטע שולן*“ און כאָטש ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן דעם רעליגיעזן יסוד פֿון יידישן חינוך – ער איז געווען איינער פֿון די מַשְׂכִּילים, וואָס איז נעשטאַנען נאָך זייער נאָענט צו דער רעליגיעזער טראַדיציע, – האָט ער פֿון דעסטוועגן געזוכט צו מאָדערניזירן די סיסטעם פֿון יידישער דערציונג, און אין דער פּראָגראַם פֿון די העכערע שולן, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט, האָט ער אײַנגעשלאָסן,“אלערליי וויסנשאַפֿטן און שפּראַכן.“

און נישט נאָר י. ב. לעווינסאָן, אויך איינער פֿון זײַנע פֿאָר'גייערס, מענדל לעפֿין (1741-1819) האָט די פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער יידישער דערציונג געהאַלטן פֿאַר דער וויכטיקסטער פֿון אַלע נײַסן, וואָס די הַשְׂכָּלָה האָט געוואָלט אײַנפֿירן אינעם יידישן לעבן. מענדל לעפֿין האָט פּראָיעקטירט אַ „*נאָרמאַלע*“ יידישע שול נאָך אין די ־80ער יאָרן פֿון 18־טן יאָרהונדערט.

יוסף פּערל (1773-1839), מענדל לעפֿינס פֿרײַנד און תלמיד, האָט אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, געגרינדעט אַ שול, – די ערשטע יידישע שול, ווו תורה איז געווען פֿאַר'אײַניקט מיט וועלטלעכע לימודים. לויטן מוסטער פֿון פּערלס שול זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן שולן אין אומאַן, אין בראָד, אין לעמבערג, אין אָדעס.

איינער פֿון די מיטגרינדער פֿון דער אָדעסער שול אין יאָר 1826 איז געווען ישראל אַקסענפֿעלד (1787-1866) דער ערשטער יידישער ראָמאַניסט. צווישן די פּיאָנערן פֿון דער נײַער יידישער דערציונג אין *אומאַן* איז געווען דער העברעיש־יידישער מַשְׂכִּיל חײַם חייקל הורוויץ, (1750-1822). אין דער טאַרנאָפּאָלער שול האָט מען אַגב געלערנט אויך יידיש, כאָטש די שפּראַך פֿון די לימודים איז געווען דײַטש.

די דאָזיקע דערמאָנטן ערשטע הַשְׂכָּלָה־טוער האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער וועלטלעכער יידישער דערציונג, און זיי האָבן געוואָלט – און וואָס איז געווען פֿון גרויסער וויטוועדיקײַט – רעפֿאָרמירן דעם אַלטן אָפּגעשטאַנענעם חדר־(אומ')וועזן. אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם בינין פֿועם יידנטום, נאָר בלויז שאַפֿן אַ סינטעז צווישן יידישער און וועלטלעכער בילדונג. זײַערע נאָכפֿאָלגערס אָבער, וואָס מיינען מאַכן אַלץ נאָך בעסער ווי יענע, זענען אַוועק אויף אַנדערע, גאָר פֿרעמדע וועגן.

דער באַקאַנטער יידישער שרײַבער, שמואל ניגער (1883-1955), האָט אין באַדײַטנד ווערק „*אין קאַמף פֿאַר אַ נייער דערציונג*“ (1940) דעריבער געשריבן: „אין רוסלאַנד, אזוי ווי אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך, האָט זיך די הַשְׂכָּלָה־באַוועגונג דערוויַטערט פֿון אירע

[1] Niger, Samuel - In Kamf far a najer Derziung (1.K) [1940], s.3-4

ערשטע אידעאָלאָגן, די מענדעלסאָנס, און די לעווינסאָנס – און די דערציונג, וואָס זײַערע תלמידים, די שפּעטערדיקע מַשׂכּילים, האָבן געפּרעדיקט און פּראַקטיצירט, איז, וואָס ווײַטער, אַלץ מער, אָפּגעריסן געוואָרן פֿונעם יידישן פֿאָלקסלעבן. זי איז געוואָרן אַלץ מער „וועלטלעך“ (פּאַקטיש: דײַטש, אָדער רוסיש) און אַלץ ווינציקער יידיש. די שולן וואָס זיינען אין סוף ־18טן יאָרהונדערט געווען אונטער דער הַשְׁגָּחָה פֿון הערץ האָמבורג אין עסטרײַך, ווי אויך די שולן, וואָס זיינען אין מיטן ־19טן יאָרהונדערט נעגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פֿון ד'ר מאַקס ליליענטאַל אין רוסלאנד – זיינען מיט דער צײַט געוואָרן נעסטן פֿון עקסטרעמער אַסימילאַציע.“

## פֿון חדר צו די וועלטלעכע שולן

אָבער לאָמיר זיך בְּקִצּוּר נאָכאַמאָל אומקערן, צוריק אין די געוועזנע תְּקוּפָה, צו די אַמאָליקע חדרים. צו דער ביז אַהעריקער לערן־שִׁיטָה, וואָס האָט געהערשט בײַ יידן אין מזרח־אײראָפּע, האָבן כמעט אַלע מַשְׂכִּילים געהאַט אַ שטאַרק נעגאַטיווע באַצוינג. אָבער קיין אַנדערער הַשְׂכָּלָה־שרײַבער, אַחוּץ יוסף פּערל, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זײַנע מעמאָריאַל צו דער רוסישער און עסטרײַכישער רעגירונג, געגעבן פֿון דער פּראָבלעמאַטישן סיטואַציע אַזאַ שאַרפֿע, אַלזײַטיקע און סיסטעמאַטיש קריטיק. אָט דער תַּמְצִית פֿון פּערלס קריטישע אויספֿירן קאָן מען געפֿינען איעם בוך פֿון מיכאל שטעגער „אָפּ'מאָלונג פֿון דער געזעצלעכן פֿאַרפֿאַסונג פֿון דער גאַליצישער יידנשאַפֿט“[2], וואָס איז דערשינען 1833 אין לעמבערג:

א) *די חדרים:* די חדרים געפֿינען זיך אין די אָרעמסטע, שמוציקסטע ווינקלען פֿון די שטעטלעך, אין מיטן די דירות פֿון דעם אָרעמסטן יידישן קלאַס. קיין אײגענע הײַזער אָדער בנינים פֿאַר חדרים זיינען אין ערגעץ נישט בְּנִמְצָא; דער חדר איז צו גלײַך דעם מלמדס דירה. די שטוב האָט קיין מאָל כמעט נישט קיין הילצערנע פּאָדלאָגע, אָפּט האַלטן זיך אין דער לערנשטוב אויף אויך שטוביקע בעלי־חיים. דער זעלביקער חדר איז גלײַכצײַטיק די קיך און די עס־שטוב און דאָס שלאָפֿצימער דעם מלמדס. פֿון דרויסן צייכנט אויס דעם חדר שמוץ און אומרײַנקייט, און אינעווייניק פֿײַכטקייט און שלעכטע לופֿט. אָפֿט געפֿינען זיך אין אַזאַ שטוב מער ווי 50 קינדער. ניט צו באַשרײַבן איז דער שאָדן וואָס עס קומט אַרויס פֿון דעם פֿאַר די קינדער, סיי פֿיזיש, סיי מאָראַליש. די קינדער ליידן פֿון כלערליי שלעכטע קראַנקייטן. זיי טרינקען בײַ דעם מלמד וואַסער פֿון זיינע שמוציקע כּלים, און דערפֿון נעמען זיך בְּלִי סָפֵק די „ווערעם־קראַנקייטן“ און די קרעץ, וואָס מען באַמערקט אַזוי אָפֿט בײַ דער פּויליש־יידישער יוגנט.

ב) *אָרט און צײַט פֿון לימוד:* אויף אַלע מדרגות פֿון לערנען הייבט מען אָן דעם לימוד אין דער פֿרי נאָך תְּפִלַּת שַׁחֲרִית און מען לערנט ביז 1 אַ זייגער בײַ טאָג, דעמאָלט גייען די קינדער אַהיים עסן. בײַ אַ שלעכטן וועטער ברענגט מען זיי דעם מיטאָג אין חדר אריין. נאָך מיטאָג לערנט מען ביז מִנְחָה. נאָך מִנְחָה שיקט מען זומער אַלע קינדער אַהיים, אום ווינטער אָבער גייען אַהיים נאָר די קינדער פֿון דער ערשטער און צווייטער מַדְרֵגָה, די איבעריקע אָבער לערנען ביז 8 אַ זייגער אין אָוונט. די עלטערע תלמידים לערנען חוץ דעם עטלעכע שעה אין טאָג תַּלְמוּד בײַ אַ מלמד אין די גאַנץ פֿריִע שעהן. דעד אנהייב און דער סוף פֿון דעם שוליאָר זענען נישט געווען באַשטימט. טייל עלטערן שיקן זייערע קינדער אין חדר אריין, ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן, אָפֿט כְּדֵי זיי פָּטוּר צו ווערן און דער היים און

[2] Stöger, Michael - Unterrichtswesen d. Juden in Galizien, in: Darstellung der gesetzlichen Verfassung der galizischen Judenschaft, 1. Band, [Lemberg, 1833] p.111-139

כְּדֵי נישט צו ווערן געשטערט דורך זיי אין זײַערע געשעפֿטן. דער איבערגאַנג פֿון איין מַדְרֵגָה צו דער אַנדערער איז נישט קיין פּוֹעֵל יוֹצֵא פֿון די יְדִיעוֹת אָדער פֿון די פֿעִיקײַטן פֿונעם תלמיד. די עלטערן ווינטשן זיך, אַז זײַער קינד זאָל וואָס גיכער לייענען גְּמָרָא און זאָל קענען האַלטן אַ דְּרָשָׁה אין דער שוּל. אַזוי אַרום קומט עס אָפֿט, אַז קינדער פֿון 5 יאָר הייבן אָן צו לערנען תַּלְמוּד. אַזעלכע קינדער קענען דאָך נישט האָבן קיין אינטערעס פֿאַר יוּרידישע ענינים און ווערן געצוווּנגען צום לערנען דורך שטרענגע שטראָפֿן. די קינדער שלאָגט מען אָפֿט מכות רֶצַח, עס זיינען פֿאַראַן פֿאַלן, ווען די קינדער ווערן נעבעך שטאַרק צעניזוקט דורך זײַערע מלמדים, זיי ווערן אֲפִֿילוּ געמאַכט פֿאַר קאַליקעס.

ג) *לימוד פֿון רעליגיע און מאָראַל:* קיין סיסטעמאַטישער לימוד פֿון רעליגיע איז בִּכְלָל נישטאָ. אַלץ וואָס דער ייד ווײַס וועגן זײַן רעליגיע איז כּמעַט די קענטשאַפֿט פֿון די דינים און מנהגים, וועלכע ער לערנט זיך אויס פֿון דער טעגלעכער פּראַקטיק. אין סִידוּר זיינען טאַקע אָפֿט אָפּגעדרוקט די י״ג עִקָּרִים להרמב״ם[3], אָדער זיי זיינען געשריבן אויף העברעיש, און דער רובֿ פּראָסטער עולם פֿאַרשטייט זיי נישט. וועגן אַ לימוד און עטיק קאָן אויך אין חדר קיין רייד נישט זיין. דאָס וואָס מען לערנט דאָרט, איז נישט מער, ווי אַז מען מוז אָפּהיטן כּלערליי דינים, מצוות און רבנישע תַּקָּנוֹת. יעדער אומפּאַרטײַיִשער אָבסערוואַטאָר מוז זיך נאָר וווּנדערן, ווי אַזוי דאָס יידישע פֿאָלק איז דאָך בְּדֶרֶךְ כְּלָל פֿרײַ פֿון די גראָבע פֿאַרברעכנס, הֲגַם עס פֿעלט דעם אין דער אֱמֶתן דער לימוד פֿון רעליגיע און מאָראַל.

אַ קריטישער מאָמענט איז פֿאַרן חדר געווען דאָס יאָר 1844, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַרויסגעגעבן זײַן שוּל־געזעץ פֿאַר יידן. דער דאָזיקער געזעץ האָט געזאָלט ברענגען אַ גרויסע שוּל־רעפֿאָרם פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג אין הֶסְכֵּם מיט די כַּוָּונות פֿון דער רעגירונג, און עס זענען געשאַפֿן געוואָרן די „קאַזיאָנע שוּלן" (קרוין־שוּלן).

די פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג איז געווען קלאָר: דורך די נײַע קאַזיאָנע שוּלן דענאַציאָנאַליזירן די יידישע באַפֿעלקערונג אין דער געהיימער אינסטרוקציע, וואָס האָט באַגלײַט דעם געזעץ פֿון 1844, איז געווען געזאָגט: „דער צוועק פֿון בילדן די יידן איז דערנע'ענטערן זיי צו דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג און אויסוואָרצלען די פֿאָר'אורטיילן, וואָס דער תלמוד פֿלאַנצט אײַן בײַ יידן". קען מען שוין פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די רעגירונג האָט געקוקט אויפֿן חדר, און וואָס פֿאַר אַ כוונות זי האָט געהאַט לגבי אים.

אין 1844 איז געווען פֿאַר'רעגיסטרירט אין גאַנצן לאַנד 2.702 חדרים פֿון דער ערשטער מַדְרֵגָה און 2.580 חדרים פֿון דער צווייטער מַדְרֵגָה, – סַךְ־הַכֹּל איז געווען 5.282 חדרים מיט 69.464 תלמידים און 10.861 מלמדים אין זיי. די ציפֿערן פֿון 1847 האָבן אפֿילו געוויזן אַ בעסערונג אין דער לאַגע: אין גאַנצן תְּחוּם איז שוין געווען פֿאַר'רעגיסטרירט 12.572 מלמדים וואָס האָבן ארויסגענומען צײַגענישן, און די חדרים האָט דערגרייכט 6.161 מיט 75.584 תלמידים אין זיי.

צען יאָר נאָך דער „צײַטווייליקער" ענדערונג, אין 1869, שטייט דער הדר ווײַטער פֿאַר אַ קריטישער לאַגע. זײַן רעכטלעכע לאַגע איז ווידער באַדראָט. אין דעם יאָר האָט זיך ענדלעך געזאָלט אויף „אַז אֱמֶת" אָנהייבן די רעפֿאָרם פֿונעם הדר.

אין 1894 האָט די פּעטערבורגער פֿרײַ־עקאָנאָמישע געזעלשאַפֿט מיט דער מיטהילף פֿון דער חֶבְרָה מֵפִיצֵי־הַשְׂכָּלָה[4] דורכגעפֿירט אַן אויספֿאָרשונג וועגן דעם מַצָּבֿ פֿון חדר. און עס האָט

---

[3]רמב"ם (רבי משה בן מימון)

[4]די „געזעלשאַפֿט פֿאַר די פֿאַרשפּרייטן פֿון קולטור צווישן די אידן פֿון רוסלאַנד"איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג, אין דעצעמבער 1863 . דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען **יוסף גינזבורג**. (*Society for the Promotion of Culture among the Jews of Russia*)

**זיך אַרויסגעוויזן: אין די 15 גובערניעס פֿון תּחום איז געווען 9.788 חדרים מיט 10.603 מלמדים און 135.134 תּלמידים; אין קעניגרײַך פּוילן איז געווען 3.586 חדרים מיט 3.814 מלמדים און 61.760 תּלמידים; אויסערן תּחום איז געווען 315 חדרים מיט 323 מלמדים און 5.070 תּלמידים. אין סך־הכּל האָט דאָס אויסגעמאַכט: 13.689 חדרים; 17.740 מלמדים; 201.964 תּלמידים. דאָס איז געווען אַ צושטאַנד מיט וועלכן די יידישע אָרטאָדאָקסאַלע געזעלשאַפֿט האָט געקענט שטאַלצירן.**
**אין 1898 איז, לויט דער סטאַטיסטיק פֿון דער געזעלשאַפֿט ייק״אָ[5], אין 507 פּונקטן, וואָס זי האָט אויסגעפֿאָרשט אין 25 גובערניעס פֿון „תּחום" און פֿון פּוילן מיט אַ יידישער באַפֿעלקערונג פֿון 1.420,653 מאַן, איז געווען 202.956 יידישע קינדער פֿון שולעלטער און אַ ס״ה פֿון 7.248 חדרים, ד״ה איין חדר אויף 28 קינדער פֿון שול־עלטער. לויט דער סטאַטיסטיק פֿון ייק״אָ קומט אויס, אַז 53,8 פּראָצענט יידישע קינדער פֿון שולעלטער האָט געלערנט אין די חדרים. סאָציאַל האָט דער באַשטאַנד פֿון די חדרים־תּלמידים אויסגעזען אַזוי: 55 פּראָצענט קינדער פֿון מיטלקלאַס, 28 פּראָצענט פֿון ארעמען קלאַס, 17 ,פּראָצענט פֿון פֿאַרמעגלעכן.**

**מיידל־שולן באַווײַזן זיך אין די גרעסערע שטעט שוין אין די 60־ער יאָרן. אָבער נאָר אײַנצלנע פֿון די דאָזיקע שולן האָבן געהאַט אין זינען די אָרעמע קלאַסן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג; אַזאַ אויסנאַם איז געווען די אין אָדעס, – זי איז געווען אַן אומזיסטע, איז אין גאַנצן אויסגעהאַלטן געוואָרן אויף די סומען פֿונעם ליכט־אָפּצאָל, און אין 1862 האָט זי געהאַט 350 שילערינס. אַלע אַנדערע מיידל־שולן זענען געווען אָנשטאַלטן פֿאַר קינדער פֿון די רײַכערע קלאַסן, און דערפֿאַר האָבן זיי געהאַט אַ הויכן שׂכר לימוד. אין 3 מיידל־שולן פֿון וויטעבסקער גובערניע איז געווען (1862) 53 תּלמידות; אין 2 „פּאַנסיאָנען" פֿון באַרדיטשעוו (1861) – 102 תּלמידות; אין 8 מיידיל־שוילן פֿון קיעווער גובערניע (1863) – 198; אין 11 שולן פֿון ווילנער קרײַז (1863) 590.**
**און צום סוף נאָך אַ ביסל ציפֿערן וועלכע ווײַזן די אַנטוויקלונג פֿונעם חדר אין די לעצטע יאָרצענטליקער פֿונעם צאַריזם.**
**לויט די אָפֿיציעילע באַריכטן פֿון ווילנער לערן־קרייז, למשל, איז דאָ געווען:**
**אין 1896 יאָר 3.700 חדרים מיט 37.460 תּלמידים; אין 1902 – 3.050 הדרים; אין 1905 – 2.429 חדרים; אין 1906 – 1.959 חדרים.**
**דער חדר האָט ביטער און פֿאַרעקשנט געקעמפֿט פֿאַר זײַן ווײַטערדיקן קיום. אין די רײַען פֿון דער חברה מפֿיצי־השׂכּלה איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפֿער קאַמף אַרום דער שטעלונג צום חדר. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער האָבן פֿון זײַער זײַט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצודריקן זײַער נעגאַטיווע באַציונג צום חדר.**

**ביז צום סוף פֿון די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן זיך פֿולצויגן גרונטלעגנדע ענדערונגען אינעם שול־וועזן אין מזרח־אײראָפּע.**
**שלמה מענדעלסאָן גיט אונדז דאָס איבער, אין זײַן רעפֿעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפֿן ייוואָ־צוזאַמענפֿאָר אין דעצעמבער 1945.[6]**
**ווען מיר רעדן וועגן געזעלשאַפֿטעכן שולוועזן מיט אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן, אָדער סאָציאַלן אינהאַלט, דאַן קומען אין באַטראַכט דרײַ הויפּט־כּוחות: די יידיש־וועלטלעכע שולסיסטעם, די העברעיש־ציוניסטישע „תּרבות" און די אָרטאָדאָקסישע (חורב, יבֿנה און**

[5] יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע
[6] מענדעלסאָן, שלמה: דאָס יידישע שול־וועזן אין פוילן – אגפעדרוקט (מיט קליינע קיצורים) אין „צוקונפֿט, מערץ 1946.

בית־יעקב). דרײַ וועלט־אָנשויונגען, דרײַ שטראָמען אין יידישן לעבן. דרײַ ווילנס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן און האָבן העכער 20 יאָר געקעמפֿט צווישן זיך און כּסֶדֶר אָן אויפֿהער געשאַפֿן. דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישער גראַנגל אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס פֿאַר דעם יונגן דור, פֿאַרן אויספֿורעמען דאָס נײַע יידישע לעבן. נישט געקוקט דערויף וואָס די וועגן זיינען געווען פּאַראַלעלע, זיי האָבן זיך נישט צונויפֿגעטראָפֿן און נישט איבערגעשניטן איינער דעם צווייטן, דאָך זיינען פֿאַראַן אַ גאַנצע רײַ בְּשוּתָּפוּתדיקע אײַגנשאַפֿטן.

א.) די „ציִשאָ"[7] האָט געשטרעבט צו אַ יידיש־סאָציאַליסטישער שול. זי האָט זיך עַקשנותדיק געהאַלטן דערבײַ נישט נאָר אין רעזאָלוציִעס, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אויפֿן ערשטן שול־צוזאַמענפֿאָר אין 1921, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער סאָציאַליס־טישער כאַראַקטער פֿון דער שול, נאָר אויך אין דער פּראַקטיק. יעדער שול מוז האָבן אַ קוואַל פֿון אייגענעם גלויבן, אֲפֿילו פֿון אַ באַשטימטן פּאַטאָס. די ציִשאָ האָט זיך באַמיט אָנצופֿילן די שול מיט סאָציאַלן גלויבן, מיט סאָציאַליסטישער דערהויבונג און מיט ליבע, מיט פֿאַרליבטקײַט אין דער מאָדערנער יידישער קולטור.

ב.) „תַּרְבּוּת" האָט געשאַפֿן אַ העברעיִש־ציוניסטישע שול. ווען מען פֿאָלגט נאָך די לערער־קאָנפֿערענצן פֿון „תַּרְבּוּת", די ליטעראַטור פֿון דעם דאָזיקן שולוועזן, ווער מען זען די אײַנגעשפּאַרטקײַט אָנצופֿילן אַלע ווינקעלעך פֿון דער שול מיט די דאָזיקע אידעאַלן. אָט שרײַבט א. לעווינסאָן, דער טעאָרעטיקער און היסטאָריקער פֿון העברעיִשן שולוועזן: „מיר זענען געקומען צו אַן איבער'שאַצונג פֿון די ווערטן אין עצם באַציִונג צו „פּאָליטיק" אין שול. אַ שול איז אַן אַנשטאַלט, וואָס גרייט צו דעם יונגן דור פֿאַר באַשטימטע נאַציאָנאַלע צילן און אויפֿגאַבן. אַ נײַטראַלע שול, אַן אַ'פּאָליטישע שול – דאָס איז אַן אינערלעכער קעגנזאַץ. אַזאַ שול עקסיסטירט נישט אויף דער וועלט".

און ער קלערט אויף דעם אינהאַלט פֿון דער שול „.. אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל איז געוואָרן די צענטראַלע אַקס, חוט־השדרה פֿון אונזער דערציִונג. די שול מוז האָבן אַן אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵלדיקן נוסח". האָט טאַקע די ערשטע „תַּרְבּוּת"קאָנפֿערענץ באַשלאָסן איינצופֿירן אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵלוואָכן, קֶרֶן־קַיֶּמֶת־טעג, איינגעפֿירט ספּעציעלע יום־טובים: דער טאָג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַ־ראַציע, דער טאָג, ווען עס איז גע'עפֿנט געוואָרן דער העברעיִשער אוניווערסיטעט, הערצלס יאָרצײַט אאז"וו.

ג.) די אָרטאָדאָקסן האָבן געבויט זײַערע שולן אויפֿן יְסוֹד פֿון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. זיי האָבן נישט געוואָלט געבן קיין הַנָּחות. אַ שול, וואָס איז געווען באַזירט אויף די פֿולע תרי"ג מצוות. די אֲסֵפֿת הַרבנים אין 1926 זאָגט אין איר רעזאָלוציִע.. „די קאָנפֿערענץ באַשליסט אַרויסצוגעבן אַן אויפֿ'רוף צו די יידישע עלטערן, זיי זאָלן נישט אָפּגעבן זײַערע קינדער אין די שולן פֿון „תַּרְבּוּת" אָדער ציִשאָ, ווו פֿון דער גאַנצער יידישקייט איז בלויז פֿאַרבליבן דער לָשוֹן. אין זײַערע היסטאָריע־ביכלעך ווערט אָפּגעלייקנט די קְדוּשָׁה פֿון תּוֹרָה וּמצוות און די פֿרײַע לערער פֿאַרפֿלאַנצן אין זײַערע תַּלְמִידים פֿלאַנצונגען פֿון מִינוּת און הֶפְקֵרוּת". די קעגנערשאַפֿט פֿון די אָרטאָדאָקסן צו אַנדערע מינים שולן איז געווען אַ טאָטאַלע, אָן וואַקלונגען. די שפּראַך אין די אָרטאָדאָקסישע שולן איז געווען יידיש. און דאָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן מיט קַנָּאוּת.

דער פֿירער פֿון דער אֲגוּדָה זישע פֿרידמאַן, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין געטאָ, זאָגט אזוי: „לָשוֹן קודש איז הייליק, יידיש איז אונדז ליב. דאָס אָפּהיטן די אײַגענע פֿאָלקס־שפּראַך יידיש איז אַ שוץ קעגן אַסימילאַציע און קען ווערן אַ גורם צו גְאֻולָּה".

[7] ציִשאָ: צענטראַלע יידישע שולאָרגאַניזאַציע אין פּוילן

**שִׁמְעוֹן דובנאָוו האָט אין זײַנע „בריוו וועגן אַלטן און נײַעם יידנטום“ געשריבן וועגן דער נײַער יידישער דערציונג: „אונדזער אַלטע שול – דער חדר און די יְשִׁיבָה – האָט דערצויגן נאָר דעם יידן, ניט דעם מענטשן, און דעם יידן האָט זי דערצויגן ביז גאָר אײַנזײַטיק, ווירקנדיק נאָר אויף זײַן רעליגיעזן געפֿיל אָדער רעליגיעזן דענקן. די נײַע אַלגעמײַנע שול פֿאַרגעסט, פֿאַרקערט, דעם יידן און דערציט נאָר דעם *'מענטשן'*, ד״ה, פֿאַקטיש דעם רוס, דעם פּאָליאַק אָדער דעם דײַטש ... דאָס איז דער טעזיס און דער אַנטי'טעזיס. דער סינטעז איז קלאָר פֿון זיך אַליין: גלײַכצײַטיקע דערציונג אי פֿון דעם *'מענטשן'* אי פֿון דעם *'יידן'*„...**

צום סוף 1930 זיינען אין פאַרשידענע געביטן פון סאָוועט רוסלאַנד געווען:

אין אוקראַינע — — 785 שולן מיט אַרום 82,000 שילער
אין ווייס־רוסלאַנד — 262 שולן מיט אַרום 33,000 שילער
אין קרים — — — — 50 שולן מיט אַרום 5,000 שילער

צוזאַמען 1,097 שולן מיט אַרום 120,000 שילער

די דאָזיקע צאָלן נעמען אַרום אויך די 7־יאָריקע שולן, וואָס זייער קורס אַנטשפרעכט שוין טיילווייז דעם לערן־קורס פון אַ מיטל־שול.

וועגן לענדער אין אייראָפּע מיט „פולע“ אידישע עלעמענטאַרע שולן, וואָס רופן זיך דאָרט „פאָלק־שולן“, האָבן מיר די פאָלגנדיקע ציפערן:

| | צאָל שולן | שילער |
|---|---|---|
| פוילן ................... | 68 | 18,400 |
| לאַטוויע (לעטלאַנד) ........ | 22 | 5,000 |
| ליטע ................... | 16 | 1,555 |
| עסטלאַנד ............... | 1 | 80 |
| צוזאַמען ........ | 107 | 25,035 |

צוליב דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין לאַטוויע דעם 16טן מאַי, 1934, איז דאָרט אונטערגעגאַנגען די אידיש־וועלטלעכע שול.

לאָמיר איצט, אין אַ טאַבעלע, אַרויסברענגען די צאָל שולן, און שילער אין זיי, וואָס גיבן דעם אידישן קינד די פולע עלעמענטאַרע בילדונג אין זיין מוטער־שפּראַך, אידיש, וואָס איז אויך די קולטור־שפּראַך פון די ברייטע, האָרעפּאַשנע און קעמפנדיקע אידישע מאַסן.

| לאַנד | שולן | שילער |
|---|---|---|
| ראַטן־פאַרבאַנד ........ | 1,097 | אַרום 120,000 |
| פוילן ............... | 68 | 18,400 |
| לאַטוויע ............ | 22 | 5,000 |
| ליטע ............... | 16 | 1,555 |
| עסטלאַנד ........... | 1 | 80 |
| קובאַ ............... | 2 | 650 |
| מעקסיקאָ ........... | 1 | 286 |
| קאַנאַדע ............ | 6 | 1,373 |
| אַרגענטינע ........... | 2 | 80 |
| צוזאַמען ...... | 1,215 | 147,424 |

**Frank, Herman - Jid. Schul-Bawegung iber der Welt [Schul Alm., 1935] p.352**







Kazdan - Jidische Schul in Pojln (Zi'scho) [Schul Alm., 1935]_p,216




Kazdan - Jidische Schul in Pojln (Zi'scho) [Schul Alm., 1935]_p,223

## לערן־פּלאַן פון דער מיידל־שול

| | לימודים | קלאַסן I | II | III | IV |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | אידיש ..................... | 8 | 4 | 4 | 4 |
| 2 | אידישע געשיכטע ............ | 1 | 2 | 2 | 2 |
| 3 | העברייאיש ................ | — | 4 | 4 | 5 |
| 4 | אריטמעטיק ................ | 5 | 4 | 4 | 4 |
| 5 | נאַטור־לימוד ............... | — | 2 | 2 | 2 |
| 6 | געאָגראַפיע ................ | — | — | 2 | 2 |
| 7 | רוסיש .................... | — | 4 | 4 | 4 |
| 8 | דייטש .................... | — | — | 3 | 3 |
| 9 | האנט־ארבעט .............. | 2 | 3 | 3 | 3 |
| 10 | צייכענען ................. | 1 | 2 | 1 | 1 |
| 11 | גימנאַסטיק ................ | 1 | 1 | 1 | 1 |
| 12 | געזאַנג .................... | — | 1 | 1 | 1 |
| | בס"ה אין וואָך שעה ...... | 18 | 27 | 31 | 32 |

## לערן־פּלאַן פון אינגל־שול מפיצי השכלה פון יאָר 1915

| | לימודים | קלאַסן I | II | III | IV | V | VI | VII | VIII |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | אידישע שפּראַך ...... | 8 | 8 | 6 | 4 | 3 | 3 | 3 | 2 |
| 2 | העברייאיש .......... | — | — | 6 | 4 | 3 | 3 | 3 | 3 |
| 3 | תנך ................ | — | — | — | 2 | 4 | 4 | 4 | 4 |
| 4 | מלוכה־שפּראַך ........ | — | — | — | 6 | 5 | 4 | 4 | 4 |
| 5 | אַריטמעטיק .......... | 4 | 4 | 4 | 4 | 3 | 3 | 3 | 1 |
| 6 | געאָמעטריע און צייכענען | — | — | — | — | — | 3 | 3 | 3 |
| 7 | אַלגעמיינע געשיכטע .... | — | — | — | — | 2 | 2 | 2 | 3 |
| 8 | אידישע געשיכטע ...... | — | — | — | — | 2 | 2 | 3 | 3 |
| 9 | געאָגראַפיע .......... | — | — | — | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 |
| 10 | נאַטור־לימוד .......... | — | — | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 4 |
| 11 | האַנט־אַרבעט .......... | | | 3 | 3 | 2 | 2 | 2 | 1 |
| 12 | מאָלן און קלעפּן........ | 6 | 6 | 2 | 1 | 1 | 1 | 1 | — |
| 13 | גימנאַסטיק, שפּילן...... | | | 4 | 3 | 3 | 3 | 2 | 1 |
| 14 | געזאַנג .............. | — | 1 | 1 | 1 | 1 | 1 | — | — |
| 15 | אַרטיקע שפּראַך ........ | — | — | — | — | — | — | 2 | 4 |
| 16 | אידישע דעמאָגראַפיע.... | — | — | — | — | — | — | — | 1 |
| | צוזאַמען ........ | 24 | 24 | 28 | 32 | 33 | 35 | 36 | 36 |

**Pludermacher - Moderner jid. Schul-Wesn in Wilne [Schul Alm., 1935[**

## לערן־פּלאַן פון דער גימנאַזיע אין 24-1923 לערניאָר

| VIII מיידל | VIII אינגל | VII מיידל | VII אינגל | VI | V | IV | III | II | I | צוגרייטונג II | צוגרייטונג I | קלאַסן / גענשטאַנד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 4 | 5 | 8 | 6 | אידיש ............ |
| — | — | 3 | 3 | 3 | 3 | 5 | 5 | 5 | 5 | — | — | העברייאיש .......... |
| 5 | 5 | 5 | 5 | 4 | 4 | 4 | 4 | 4 | 4 | — | — | פּויליש ............ |
| 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | — | — | — | — | דייטש ............ |
| 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | אַלגעמיינע געשיכטע .. |
| 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | — | — | אידישע געשיכטע .... |
| 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | פּוילישע געשיכטע .... |
| — | — | — | — | — | — | 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | געאָגראַפיע .......... |
| 1 | 1 | — | — | — | 2 | — | — | — | — | — | — | פּוילישע געאָגראַפיע.... |
| 2 | — | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 1 | 1 | 1 | 1 | — | געאָמעטריע ........ |
| 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | טריגאָנאָמעטריע ...... |
| 2 | 2 | 2 | 2 | 3 | 3 | 3 | — | — | — | — | — | אַלגעברע .......... |
| 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | אַנאַליט. געאָמעטריע .. |
| — | 2 | — | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | פּראָיעקצ. צייכענען .... |
| 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | — | — | — | — | — | פיזיק ............ |
| 1 | 1 | 2 | 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | כעמיע ............ |
| 1 | 1 | 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | „ (פּראַקט. אַרבעט) .. |
| 1 | 1 | 2 | 2 | 2 | 2 | 3 | 3 | 3 | 3 | 3 | — | נאַטור־וויסנשאַפט .... |
| 2 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | וויסנשאַפט פון פּוילן .. |
| — | — | 2 | — | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | — | — | מאָלן .............. |
| — | — | — | — | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | 2 | — | גימנאַסטיק .......... |
| — | — | — | — | — | 1 | — | 2 | 2 | 2 | 2 | — | געזאַנג ............ |
| 3 | 3 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | לאָגיק, פּסיכאָלאָגיע.... |
| — | — | — | — | — | — | — | 5 | 5 | 5 | 5 | 6 | אַריטמעטיק ........ |
| — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 3 | — | האַנטאַרבעט ........ |
| 37 | 37 | 37 | 37 | 35 | 36 | 36 | 36 | 32 | 33 | 24 | *12 | ס"ה ........ |

אויסערדעם 2 שעה כאָר־געזאַנג, אָנהייבנדיק פון 1טן קלאַס.

**Pludermacher - Moderner jid. Schul-Wesn in Wilne [Schul Alm., 1935[**

## אין ווילנע זענען געווען פאַראַן:

| 1931 | 1923 | 1921 | אנשטאַלטן |
|---|---|---|---|
| 6 | 8 | 10 | פאָלקס־שולן .............. |
| 1 | 2 | 1 | גימנאַזיעס ................ |
| — | 2 | 7 | קינדער־גערטנער ........... |
| — | — | 1 | אַרבעטער־קינדער־אינטערנאַט .. |
| — | 2 | 5 | אָוונט־שולן ............... |
| — | — | 2 | נאָכמיטאָג־שולן ............ |
| — | 1 | 1 | לערער־סעמינאַר ............ |
| 1 | 1 | 1 | קינדער־ביבליאָטעק .......... |
| 8 | 17 | 28 | בסך הכל ...... |

ד) וועלכע שיכטן שיקן זייערע קינדער אין די אנשטאלטן פון צ. ב. ק.?

טאבעלע 5

| | קינדער-גערטנער | פאלקס-שולן | אונט-שולן | מיטל-שולן |
|---|---|---|---|---|
| | אין % | אין % | אין % | אין % |
| לוין-ארבעטער . . | 17,4 | 21,4 | 26 | 7,3 |
| האנדלס-אנגעשט. . | 9,3 | 8,4 | 5 | 13,3 |
| בעלי-מלאכות (פאר זיך) | 29,1 | 31,8 | 29 | 20,6 |
| קליינהענדלער . . | 24,5 | 23,8 | 21 | 32,0 |
| סוחרים . . . . . | 5,8 | 1,0 | 1 | 10,2 |
| פרייע פראפ. . . | 3,4 | 3,5 | 4 | 6,1 |
| כלי-קדש . . . | 1,2 | 1,0 | 1 | 1,3 |
| פארשיידענע . . | 9,3 | 9,1 | 13 | 9,2 |
| בס"ה . | 100 | 100 | 100 | 100 |

ווי עס איז צו זען פון דער טאבעלע, שיקן אין אונזערע אנשטאלטן זייערע קינדער — דאס רוב בעלי-מלאכות, דורכשניטליך 27,6% (דערביי דער-גרייכט דער % אין די פ-ש ביז 31,8%), לוין-ארבעטער און האנדלס-אנגע-שטעלטע 27%, דערביי (דערגרייכט זייער % אין די פ-ש 29,8%, אין די אונט-שולן 31%), קליינהענדלער 25,6%, סוחרים איז א באדייטנדיקער % בלויז אין די גימנ. — 10,2% און אין די ק-ג — 5,8%, אין די פ-ש נאר 1%. אויך א טייל פון די כלי-קודש שיקן זייערע קינדער אין אונזערע שולן.

## אין רומעניע:

# ל ע ר נ פּ ל אַ ן

### פון די פּראָפעסיאָנעלע אָוונט־שולן „מאָרגנרויט“

| טאָג | קלאַסן | 6—6.45 | 6.50—7.35 | 7.40—8.25 |
|---|---|---|---|---|
| מאָנטיק | 1 | רומעניש | אידיש | געאָגראַפיע |
| | 2 | אַריטמעטיק | רומעניש | אידיש |
| | 3 | אַריטמעטיק | רומעניש | אידיש |
| דינסטיק | 1 | אידיש | טעכנאָלאָגיע פאַר אַרבעטער | ——— |
| | 2 | פאַך־צייכענען פאַר אַרבעטער | בוכהאַלטונג פאַר אָנגעשטעלטע | טעכנאָלאָגיע פאַר אַרבעטער |
| | 3 | פאַך־צייכענען פאַר אַרבעטער | בוכהאַלטונג פאַר אָנגעשטעלטע | טעכנאָלאָגיע פאַר אַרבעטער |
| מיטוואָך | 1 | אַריטמעטיק | רומעניש | טעכנאָלאָגיע |
| | 2 | געאָגראַפיע | עדוקאַציע | רומעניש |
| | 3 | געשיכטע | עדוקאַציע | רומעניש |
| דאָנערש־טיק | 1 | געאָמעטריע | אידיש | ——— |
| | 2 | אידיש | געאָמעטריע | פיזיק |
| | 3 | אידיש | געאָמעטריע | פיזיק |
| פרייטיק | 1 | פאַך־צייכענען פאַר אַרבעטער<br>פּראָדאָקטאָלאָגיע פאַר אָנגעשטעלטע | | |
| | 2 | ——— | בוכהאַלטונג פאַר אַרבעטער | מעכאַניק |
| | | פּראָדאָקטאָלאָגיע פאַר אָנגעשטעלטע | | מעכאַניק |
| | 3 | פּראָדאָקטאָלאָגיע פאַר אָנגעשטעלטע | | מעכאַניק |
| שבת | | ——— | ——— | ——— |

פאַר די שילער פון דער טישלער־שול, וועלכע נעמען אַנטייל אין אונטערריכט פון דער אָוונט־שול, זיינען אָנגעשלאָסן ספּעציעלע קורסן פאַר צייכענען, אַריטמעטיק, טעכנאָלאָגיע און עדוקאַציע. דער אונטערריכט קומט פאָר אין באַזונדערע קלאַסן.

### דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די שילערנס אין דער שניידער שול

| | | | |
|---|---|---|---|
| אַרבעטער און בעלי־מלאכות | 34% | יתומים | 14% |
| קליין־הענדלער | 23% | פאַרשידענע | 13% |
| אָנגעשטעלטע | 14% | אָן אַ באַרוף | 2% |

### די עלטערן פון די שילערס אין דער אָוונט־שול.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אַרבעטער און בעלי־מלאכות | 45% | יתומים | 14% |
| קליין־הענדלער | 23% | פאַרשידענע | 5% |
| אָנגעשטעלטע | 11% | לאַנדווירטן (פאַרמערס) | 2% |

**R.M. - Kamf far der jid. Schul in Rumenje [Schul Alm., 1935]**

# אַלגעמיינער באַריכט

## פון דער פּסיכאָ־היגיענישער באַראַטונג־שטעלע ביי „טאָז" אין וואַרשע

פון 15.II — 15.VIII 1934.

לייטער: פּראָפ. ד״ר מעד. פ. שניאורסאָן.

| № | | | צאָל | % |
|---|---|---|---|---|
| 1 | אַלגעמיינע צאָל פון: | קינדער | 100 | |
| 1 | | באַזוכן | 326 | |
| 2 | געשלעכט | יינגלעך | 72 | 72% |
| 2 | | מיידלעך | 28 | 28% |
| 3 | צאָל באַזוכן פון איינצלנע קינדער | ×1 | 22 | 22% |
| 3 | | ×2 | 33 | 33% |
| 3 | | ×3 | 18 | 13% |
| 3 | | ×4 | 9 | 9% |
| 3 | | ×20—5 | 18 | 18% |
| 4 | עלטער | 8—0 | 2 | 2% |
| 4 | | 6—4 | 20 | 20% |
| 4 | | 14—7 | 69 | 69% |
| 4 | | 21—15 | 9 | 9% |
| 5 | סביבה | קינדער ביי עלטערן | 98 | 98% |
| 5 | | קינדער ביי פרעמדע | 2 | 2% |
| 5 | | איינציקע קינדער | 16 | 16% |
| 5 | | ניט איינציקע קינדער | 84 | 84% |
| 6 | שול | יידישע פאָלקס-שולן | 26 | 26% |
| 6 | | תרבות | 4 | 4% |
| 6 | | חדר גמינע-שולן | 12 | 12% |
| 6 | | פּאַראַפּאַכע פריוואַטע | 15 | 15% |
| 6 | קינדער-גאָרטן-עלטער | | 14 | 14% |
| 6 | שול-אַמביציע | | 29 | 29% |

| № | | | צאָל | % |
|---|---|---|---|---|
| 7 | ירושהדיקייט | נערוואַזיטעט | 72 | 72% |
| 7 | | דירעקטע | 13 | 13% |
| 7 | | קאָלאַטעראַלע | 7 | 7% |
| 7 | | נערוועזע קאָנסטיטוציע | 8 | 8% |
| 8 | שוואַנגערשאַפט | אומנאָרמאַלע | 90 | 90% |
| 8 | | נאָרמאַלע | 10 | 10% |
| 9 | געבורט | נאָרמאַלע | 88 | 88% |
| 9 | | צאַנג- און שווערע | 12 | 12% |
| 10 | אָרגאַנישע (אינטעלעקטועל צוגעשטעלטע קינדער) | אידיאָטישע | 1 | 1% |
| 10 | | אימבעציל-טעט | 12 | 12% |
| 10 | | דעביליטעט | 7 | 7% |
| 10 | | איבערגאַנג-שטופע | 2 | 2% |
| 10 | | אַלגעמיינע צאָל | 22 | 22% |
| 11 | נייראָזן (לויט שניאורסאָנס קלאַסיפיקאַציע) | „A" | 21 | 21% |
| 11 | | „B" | 13 | 13% |
| 11 | | „AB" | 8 | 8% |
| 11 | | „D" | 1 | 1% |
| 11 | | „DB" | 1 | 1% |
| 11 | אַלגעמיינע צאָל | | 44 | 44% |

| № | | | צאָל | % |
|---|---|---|---|---|
| 12 | קאָמבינירטע (אָרגאַנישע נייראָזן) | | 14 | 14% |
| 13 | עפּילעפּטישע | | 13 | 13% |
| 14 | גייסטיק-קראַנקע | | 1 | 1% |
| 15 | נערוון-קראַנקע | | 3 | 3% |
| 16 | שפּראַכשטערונגען | | 12 | 12% |
| 17 | סעקסועלע אָפּווייכונגען (אָנאַניזם) | | 13 | 13% |
| 18 | מאָראַלישע [illegible] | | 3 | 3% |
| 19 | סאָציאַל פאַרנאַכלעסיקטע | | 1 | 1% |
| 20 | קאָנסולטאַציע פון נאָרמאַלע קינדער | | 2 | 2% |
| 21 | אונטערזוכונג | היילפּעדאַגאָגישע אויסטעסטן | 253 | |
| 21 | | טעסטן | 51 | |
| 21 | | היים-באַזוכן | 19 | |
| 21 | | שול-באַזוכן | 14 | |
| 22 | באַהאַנדלונג | אַנשטאַלט-פאַראָרדנונג, מיט צייטווייליקע אינסטרוקציעס | 29 | |
| 22 | | חילפס-שול פאַרקירונג | 6 | |
| 22 | | הייל-פּעדאַגאָגישע סביבה-ענדערונגען און פּסיכאָ-טעראַפּיע | 44 | |
| 22 | | מעדיקאַמענטעזע און פיזיקאַליש-טעראַפּיע | 20 | |

באַמערקונג: די קאָנסולטאַציעס 16—19 זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר זיך, אָבער זיי זיינען שוין פאַררעכנט געוואָרן צווישן די פאַרשידענע נייראָזן.

## וועגן דערציִונג בִּכְלָל

משה בלאָשטיין האָט אין זיין בוך „*אַ לערער רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרצן*“[8] אונדז איבערגעגעבן, וואָס עס הײסט אַ יידישער לערער צו זיין: „ווען דער לערער עפֿנט פֿאַר אײַך זײַן האַרץ, און איר דערזעט די בלוטנדיקע וווּנדן זײַנע, וועט איר פֿאַרשטיין די לערער, וואָס זיינען געקומען צו דעם, וואָס איך בין צו דעם געקומען; וועט איר פֿאַרשטיין, ווי לערער „פֿינצטערן“ נאָך בײַ די שולן, האָבן ניט קיין כּוֹחַ אַוועקצוגיין, ווי זיי ענדערן פּראָגראַמען, מעטאָדיק, אבי אָנצוהאַלטן בײַם לעבן די שול, וואָס איז שוין לאַנג ניט יענע שול, וואָס האָט זיי, ווי מיט אַ מאַגנעט צוגעצויגן, די שול, וואָס זיי האָבן איר אָפּגעגעבן זײַער געזונט, זײַער לעבן, – און באַהֲבָה, מיט ליבע און מיט פֿרײַד.

קודֶם כּל, וואָלט איך געֶעצָהט עלטערן אויפֿצוהערן צו דערוואַרטן, אויפֿצוהערן זיך צו פֿאַרלאָזן אויף דער תַּלְמוּד תּוֹרָה, אויף דער ייִדישער שול – אֲפִילוּ אויף דער יְשִיבָה קְטַנה, אויף דער טאָג־שול – אַז זיי זאָלן דערציען זײַערע קינדער.

*דערציען דערציט די היים*. אַזוי איז עס געווען אַמאָל, אַזוי דאַרף עס זיין. (...) דערציען קאָן נאָר די היים. און האָט רַחְמָנוּת, פֿאַרלירט ניט אײַער צײַט, זעצט זיך ניט אַוועק מיט אײַער קינד און „קנעלט“ אין אים ניט אַרײַן „דערציִונג“. דאָס איז שעדלעך און ניט מעגלעך. איר דאַרפֿט דערציען, יעדע רגע פֿון טאָג, בײַ יעדן ריר אײַערן, ווען איר זײַט אין דער היים מיטן קינד, ווען איר זײַט מיט אים אין וועג, ווען איר לייגט זיך שלאָפֿן, ווען איר שטייט אויף, – דורך אײַערע מַעֲשִׂים דערציט איר אײַער קינד. דער חֶדֶר, די יְשִיבָה האָט אַמאָל געלערנט ייִדישקייט, מאַכן אָבער דאָס קינד פֿאַר אַ יידן האָט געמאַכט די היים, דאָס לעבן. און ווײַל ניטאָ מער קיין היים, איז אונדזער עוּבְדָה, ביז מיר'ן ווידער געווינען די היים, זייער און זייער אַ שווערע, איז אונדזער עוּבְדָה, ביז מיר'ן ווידער מאַכן, ניט „ביליקער“ צו מאַכן אונדזער דערציִונג אין די שולן. ניטאָ וואָס מוֹרָא צו האָבן פֿאַר „*צו פֿיל לערנען*“ – קיין קינדערלעך שטאַרבן חָלִילָה ניט פֿון דעם, עס ווערן נאָר טיפֿערע אֱמֶתן, העכערע הימלען אין זיי אויפֿגעטויכט.

די שול איז ניט קיין „מאָל־מאַשין“, וואָס „וואַרפֿט אַרויס“ פֿאַרטיקע יידעלעך. ניט וועלטלעכע שול האָט דערצויגן אַ דוֹר, וואָס האָט ליב אַ ייִדישן ניגון, וואָס האָט ליב אַ ייִדישע לעקציע, וואָס לייענט אַ בוּך, וואָס זאָל וועלן אויפֿהענגען בײַ זיך אין די היימען ייִדישע, אָנשטאָט כינעזישע, בילדער; און ניט די תַּלְמוּד תּוֹרָה האָט דערצויגן אַ דוֹר, וואָס זאָל פֿילן תפֿילה, וואָס זאָל היטן כַּשְרוּת, וואָס אֱמוּנָה זאָל גיין אין לעבן, – ווײַל קיין היים איז ניט געווען, איז קיין דערציִונג ניט געווען. בײַ אַ סַך איז אויסגעוואַקסן „ווילדגראָז“ אין די נשמות, בײַ איניקע אֲפִילוּ „קראָפּעווע“. מיט נִסים „*טומלען זיך*“ נאָך איניקע אין געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, אָנגעהאַלטן אָפּט פֿון באַצאָלטע פּראָפֿעסיאָנאַלן...

אַזוי אַז עס איז שעדלעך זיך צו פֿאַרלאָזן אויף דער דערציִונג־אינסטיטוציע, וואָס איז תָּמִיד געווען און איז ביז הײַנט נאָר אַ לערן־אינסטיטוציע, דאָס אַלץ, אַזוי אַז עס איז שעדלעך צו „*שלעפּן*“ דאָס קינד אַהין אָדער אַהער.

אויב איר ווילט דאָס קינד זאָל געפֿינען זיך און פֿרײַד אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, צי דאָס קינד זאָל דווקא דאָ און ניט ערגעץ־ווּ אַנדערש אויסליכטיקן, הייליקן זײַן לעבן, – ווענדט זיך עס אָן דער היים, אָן זײַטיקע אומשטענדן אַמאָל, אָן גרויסע דערשיטערונגען אין לעבן, אָן אַ וועלכן־עס־איז עפּיזאָד, וְעַל כּוּלָם – אָן כאַראַקטער פֿון קינד. שלעפּט איר קינסטלעך,

[8] Bloshtein, Moses - *A Lerer redt sich arop fun Harzn* [1959]

**מיט גוואַלד, צי מיט „צוקערלעקעכלעך“ אַרײַן אַ קינד אין אַן אָרגאַניזאַציע, איז דאָס קינד אַ קינסטלעכע „*בלום אין גאָרטן*“: עס איז שיין, עס איז אָנגענעם פֿאַרן אויג, אָבער קיין לעבן איז אין דעם ניטאָ... אַ סך געזינטער איז פֿאַר דער „*בלום*“, ווען זי וואַקסט נאַטירלעך, ווען זי זאַפּט אין זיך אײַן אַזוי פֿיל טוי און רעגן, אַזוי פֿיל זון, וויפֿל זי וויל, – אַנדערש טוט איר דעם קינד און דער אָרגאַניזאַציע אַ „בערישע“ טובֿה.**
**זייער גוט זאָגט וועגן דעם ענין אונדזער אברהם גאָלאָמב: „עס קאָן זיין אַן אויסגעלערנטע יידישקייט, און עס קאָן זיין אַ ייִדישקייט, וואָס איז אײַנגעלעבט. די ערשטע איז ווי אַ בגד, וואָס מען טראָגט, און מוז צעריסן ווערן. די צווייטע איז ווי אַן אָרגאַנישער טייל פֿון נשמה“.**
**אויסלערנען קאָן מען אַפֿילו אַ העלפֿאַנט טאַנצן, אָבער וואָס פֿאַראַ טאַנצן איז עס? עס איז אַ טאַנצן „*אָן לייב און אָן לעבן*“, און... זײַן טאַנצן, די געפֿילן צו וועלן טאַנצן וועט דער העלפֿאַנט ניט בכוח זיין איבער׳צוגעבן זײַן קינד בירושה. אַ ייִדיש ליד, אויסגעלערנט אין שול האָט ניט דעם טעם, פֿאַרמאָגט ניט דעם גײַסטיקן כּוח, רירט ניט, קאָן ניט אַרויסרופֿן די התלהבֿות, ווי זמירות, מחמת זמירות, געזונגען בײַם שבתדיקן טיש, האָט אין זיך דעם צויבער, וואָס דער פֿאָטער, וואָס די גליק׳זעליקע מוטער, וואָס די שבתדיקע שטימונג גיט אין די זמירות אַרײַן. ווען דעם ליד פֿעלט היימישקײַט, פֿעלט לעבן.**

**ה. וו. פֿאַקט שרײַבט אין זײַן בוך „*דעם קינדס צוגאַנג צו אמונה*“: „דאָס קינד שאַפֿט זיך אַ באַגריף וועגן גאָט, צי אַ באַגריף פֿון דעם, וואָס עס איז גוט, וואָס עס איז פֿײַן, וואָס עס איז שיין – פֿון דעם, ווי גוט און פֿײַן און שיין עלטערן זיינען אין לעבן; עס לערנט זיך ליב צו האָבן פֿון דער ליבע צווישן פֿאָטער און מוטער, און פֿון דער ליבע צו אים; עס לערנט זיך צו זיין אויפֿריכטיק, צאַרט און איידל, ווען די רייד פֿון די עלטערן זיינען קיינמאָל ניט שאַרף און האַרט, נאָר צאַרט און איידל (א קינד איז אַ מאַלפּעלע, האָט ליב נאָכצומאַכן, „*נאָכצומאַלפּעווען*“, עלטערן דאַרפֿן עס האָבן אין זינען יעדע רגע אין זײַער לעבן. – *מ. ב.*); דאָס קינד, (...) איידער עס קאָן באַנעמען גאָט, האָט עס געלערנט, וואָס גאָט איז פֿון אײַך, בײַ אײַך אין דער היים“.**

**מען קאָן אַ קינד ניט אויסלערנען צו זיין פֿרום, מען קאָן עס אַרײַנלערנען דורך דעם, וואָס מען ווײַזט עס דעם קינד, ווען עס זעט די פֿרומקײַט פֿון זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנט, זײַנע טײַערסטע און באַל־בסטע פֿרײַנט – זײַנע עלטערן. דאָס קינד קאָן דערפֿילן דעם רעליגיעזן ציטער, ווען עס דערפֿילט די התלהבֿות אין די עלטערן. חדר און שול קאָנען נאָר באַקרעפֿטיקן דאָס, וואָס דאָס קינד זאַפּט אין זיך אַרײַן אין שטוב.**

**אָבער אויך דאָ, אין חדר און אין שול, אין דער ישיבֿה קטנה, צי אין דער טאָג־שול, קאָן די באַקרעפֿטיקונג קומען, ווען דאָס קינד זעט און דערפֿילט, אַז דעם רבין, צי דעם לערער גייט עס אין לעבן. אָט דאָ זע׳ען מיר, ווי גערעכט איז אונדזער לייבוש לעהרער, וואָס זאָגט, אַז „אַ לערער דאַרף זיין אַ פּערזענלעכקײַט, ער דאַרף פֿאַרמאָגן דאָס פּינטעלע ייד אין זיך, ער דאַרף זיין אַן אידעאַליסט, ער דאַרף אַליין „*ברענען*“, כּדי צו קענען אָנצוצינדן די קינדער“.**

***

ווען מיר דאָ רעדן צוליב פּעדאַגאָגיק און דערציִונג, אַזוי דאַרפֿן מיר וויסן, ווי צו געבן אַ פּאָזיטיווע הַשְׁפָּעָה און אַן גערעכטע באַציִונג צום קינד בִּכְלָל – סיי מִצַד פֿון די עלטערן, סיי מִצַד פֿון די דערציִער. וואָס איז אַ קינד, און ווי איז זײַן באַציִונג צו די דערוואַקסענע – און פֿאַרקערט? אָט דאָס זענען גאָר וויכטיקע פּונקטן, בְּעִיקָר צו שאַפֿן פֿאַרטרויען צווישן זיך און דעם קינד.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין טאָג־טעגלעכן שול־אַרבעט – ווו עס זיצן 20 אָדער מער תלמדים אין קלאַס – איז אַן „אינדיווידואַלע באַהאַנדלונג“ פֿון אַ יעדן אײנעם שילער ניט מעגלעך. דאָס וועט אויך גאָרניט פֿאַרלאַנגט – און בֶּאֱמֶת געזאָגט –ס'איז הײַנט־צו־־טאָג אויך גאָרניט געוואונטשן. די באַציִונג צווישן שילער און פּעדאַגאָגן האָט זיך הײַנט מערהײַטלעך דערווײַטערט, מען מעג מיינען פֿון יוֹצֵא וועגן, בלויז אַ באַרופֿלעכע, מִצַד די לערערס...

## קאָרטשאַקס דערציִונגס־פּרינציפּן

עס איז גאָר אינטערעסאַנט פֿאַר מיר געווען, ווען איך האָב דורכגעפֿאָרשט בְּנוֹגֵעַ די דאָזיקע טעמע, וואָס איך האָב צווישן אַלע די גאַנצע שול־ און פּעדאַגאָגיק־ליטעראַטור כִּמְעַט ניט קיין איין וואָרט ניט געפֿונען וועגן די אַרבעט פֿון יאַנוש קאָרטשאַקן?! ניט אין די שריפֿטן פֿון חײַם קאַזדאַן (*די געשיכטע פֿון יידישן שולוועזן אין פּוילן*, 1947), ניט אין די „שול־אַלמאַנאַכן“ און אויכעט נישט אין ערגעץ אַן אַנדערן בוך וואָס זיך באַשעפֿטיקט מיט דעם גלײַכן טעמע.

עס דוכטן זיִך, ווי ס'וואָלט זײַן יְתוֹמִים־הויז געווען געשטאַנען ווײַט אָפּזײַטיק פֿונעם דער־ציערישן געשעע'ען (איִ פֿון רעליגיעזער איִ פֿון וועלטלעכער דערציִונג).

פֿון דער אַנדערער זײַט, זענען דאָך פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל פֿון ביכער (אין פֿילע שפּראַכן), וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דעם מענטש, אַזוי ווי מיט זײַן פּעדאַגאָגיק און שאַפֿנס־ווערק.

מען האָט יאַנוש קאָרטשאַק גערופֿן „*דער פּוילישער פּעסטאַלאָצי*“[9] דאָס איז לְגַמְרֵי נישט איבערגעטריבן. קאָרטשאַק איז פֿון דעם זעלבן שניט דערציִער וואָס פּעסטאַלאָצי, מיט זײַנע דערציִונגס־סיִסטעמען, מיט זײַן דערפֿונדערישקײַט און פֿאַר אַלעם – מיט זײַן אידעאַליזם און ליבשאַפֿט צום קינד, ווי אויך מיט זײַן גרויסער הַשְׁפָּעָה.

דורך וואָרט און שריפֿט האָט ער געמאָנט בײַ דער געזעלשאַפֿט רעכט פֿאַרן קינד, און דורך מַעֲשִׂים, דורך פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט אין דער קינדער־היים, אויף קראָכמאַלנע 92, האָט ער באַוויזן ווי אַזוי צו רעאַליזירן די דאָזיקע פֿאָדערונגען.

דער הויפּט־פּרינציפּ אין קאָרטשאַקס דערציִונג־סיִסטעם איז געלעגן אין זיין צוגאַנג צום קינד, אין זיין באַזאָרגטקייט, ווי אַזוי בעסער אָפּצוהיטן דעם קינדס פּערזענלעכקייט.

דער גאַנצער אײַנשטעל פֿון דער קינדער־היים, מיט דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די קינדער, האָט זיך געשטיצט אויף דער איינציקער הֲנָחָה: דאָס קינד. נישט צופּאַסן דאָס קינד צו די מעטאָדן פֿון דערציִונג, נאָר פֿאַרקערט – די מעטאָדן מוזן זיך צופּאַסן צום קינד.

---

[9] Zitate aus: Vasertsug, Zalman - *Korczak (Lerer & Derzier)* [1953]

און דאָס האָט דער דערציִער כּסדר געמוזט געדענקען, אַז דאָס קינד שטייט אין צענטער פֿון דער גאַנצער דערציִונג. און דערפֿאַר – די שטענדיקע באַזאָרגטקייט נישט צו שעדיקן, נישט צו פֿאַרוווּנדן אָדער נעגירן דעם קינדס פּערזענלעכקייט.

קאָרטשאַק האָט געזען אינעם קינד אַ פּערפֿעקטן מענטשן, נאָר אָן דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַרדאָרבנקייט און אָן דער באַגרענעצטער אָפּגעשלאָסנקייט, אין וועלכער עס לעבט דער דערוואַקסענער. דאָס קינד ווײַזט ארויס דעם מאַקסימום אינטערעס פֿאַר וויסן, פֿאַר אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אַלץ אינטערעסירט אים, אַלץ וויל ער פֿאַרשטיין און וויסן.

קאָרטשאַק האָט געוואָרנט און געקעמפֿט קעגן דער ברוטאַלער באַציִונג צום קינד, אַ באַציִונג וואָס דערדריקט זיין פּערזענלעכקייט און דערשטיקט אין אים דעם הונגער צו וועלן פֿאַרשטיין, באַנעמען די וועלט מיט אַלע אירע דערשיינונגען. און ער האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע אינטעליגענץ, אײַנפֿאַלערישקייט און וויסן, אַז כאָטש אין דער קינדער־היים זאָל אָפּגעהיטן ווערן דעם קינדס פּערזענלעכקייט.

און האָט דאָס קינד געהאַט עפּעס פֿאָרצושלאָגן, זיינעם אַ געדאַנק, אײַנפֿאַל, אידייע – האָט מען אים מיט דעם פֿולן ערנסט אויסגעהערט. דער דערציִער האָט דאָ קיינמאָל נישט געלאָזט פֿילן דעם קינד אַז ער איז מיט עפּעס מינדערווערטיק, נאָר פֿאַרקערט – געזוכט צו סטימולירן אים, וועקן צוטרוי, גלויבן אין זײַנע מעגלעכקייטן.

פֿאַר אַלעם איז נויטיק געווען צו געווינען דעם צוטרוי פֿון קינד. דאָס איז איינע פֿון די ערשטע און טאַקע פּרינציפּיעלע אויפֿגאַבן פֿאַרן דערציִער. דער צוטרוי שאַפֿט די נויטיקע אַטמאָספֿער פֿאַר דערציִערישער ווירקונג און באַזייטיקט אַ סך פֿון די פֿאַרורטיילן און קעגנזייטיקע חשדים צווישן דערציִער און קינד.
מיטן באַקומען דעם קינדס צוטרוי, איז מער נישט נויטיק צו שטיין און וואַכן איבער אים ווי אַ בייזער שומר. עס ווערט כּמעט אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן דעם דערציִער און זיין דערציִונגס־אָביעקט, און דאָס קינד ווערט פֿאַרוואַנדלט אין זיינעם אַ מיטאַרבעטער, וואָס טראָגט צוזאַמען מיט אים די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער היים.

איינע פֿון קאָרטשאַקס וויכטיקע דערגרייכונגען איז די, וואָס ער האָט געווינען דאָס קינד פֿאַר אַ געטרייען מיטאַרבעטער. פֿון אַ דערציִערישן אָביעקט איז דאָ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן דאָס קינד אין אַ דערציִער, אַ דערציִער וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿאַרשטענדעניש און אַחריות פֿאַר זיין אויפֿגאַבע.

די וויכטיקסטע אַרבעטן, ווי אָפּהיטן די רײַנקייט פֿון דער גרויסער היים, די אַרבעט אין דער שניידעריי, מיטהילף אין דער קיך, אין דער וועשעריי, און דאָס באַדינען דעם עס־זאָל, איז געטון געוואָרן דורך די קינדער זעלבסט. די אַרבעט האָט געטראָגן אַ פֿרײַוויליקן כאַראַקטער.
ווען אַ קינד איז נישט צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט, קען ער זי אויסבייטן אויף אַ צווייטער, מיטן הסכּם פֿון דער דערציִערין. פֿאַר נישט־ערלעכקייט, אומפּינקטלעכקייט, פֿאַר מיסברויכן, קאָן מען אָנגעקלאָגט ווערן אין געריכט.

אָט דאָס געריכט האָבן די קינדער אַליין געפֿירט. מען האָט געוויילט שופֿטים (ריכטער) און אויך דעם מִשְפָּט האָבן זיי אַליין אַרויסגעקליבן, מכּוח דעם קאָדעקס, וואָס האָט עקסיסטירט אינעם בֵּית־יְתוֹמים. אָבער דאָס פֿאַר׳מִשפּטן דעם דעליקווענטן האָט נישט דערצו געדינט זיך איבער דעם באַטרעפֿיקן פּערסאָן צו שטעלן, נאָר אויך אים די מעגלעכקייט צו געבן, לְהַבָּא זיך אויס׳צובעסער.

בײַ יעדער געלעגנהייט האָט קאָרטשאַק געזוכט צו סטימולירן דאָס קינד און אַרויסרופֿן ביי אים ענטוזיאַזם, דורך אָנערקענען אים, אָפּשאַצן זיין אַרבעט און אַלע אַנדערע פֿאַרדינסטן זײַנע.

עס טאָרן נישט פֿאַרשווייגן און פֿאַרגעסן ווערן – האָט קאָרטשאַק געפֿאָדערט ביי די דערציִער – די גוטע טאַטן, די אָנשטרענגונגען און דער פֿלײַס פֿון קינד, פּונקט ווי מען פֿאַרגעדענקט און מע׳ פֿאַר׳נאָטירט די נעגאַטיווע מַעֲשִׂים זיינע.

ס׳איז קיין האָר נישט איבערטריבן, אַז קאָרטשאַק האָט זיך אידענטיפֿיצירט מימן קינד און ער איז געוואָרן זײַן שְלִיחַ־צִבור, זײַן פֿאָדערער און מאָנער בײַ דער געזעלשאַפֿט.

ער האָט געפֿאָדערט פֿאַרשטענדעניש און דֶרֶך־אֶרֶץ פֿאַרן קינד. ער האָט געמאָנט רעכט און גערעכטיקייט פֿאַרן קינד – דער שוואַכער און אונטערדריקטער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דערוואַקסענעם.

נישטאָ קיין מער שווערער לאַגע – זאָגט קאָרטשאַק – ווי זיין אומבאַהאָלפֿן, אָן מיטלען, אָן פֿרײַהייט צו באַוועגן זיך. אין אַזאַ לאַגע געפֿינט זיך דאָס קינד, דער אומבאַהאָלפֿענער צווישן די אומבאַהאָלפֿנסטע.

פֿונעם דערציִער און פֿון דער דערציִונג האָט ער געפֿאָדערט נאָר איין זאַך: זיין הומאַן, מיט פֿאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ צום קינד.

פֿאַר אַלעם האָט קאָרטשאַק פֿאַרלאַנגט פֿונעם דערציִער, אַז ער זאָל נישט נעמען אויף זיך די ראָל פֿון אַ צוימער, פֿון אַ געדונגענעם תּלְיון, געשיקט פֿון די דערוואַקסענע אונטערצודריקן דעם קינדס פֿאַרבליבענע נאָך פֿרײַהייט און דערשטיקן זײַנע געוווינהייטן און אייגנ־אַרטיקייט.

אויף דער פֿראַגע, וואָסער אויפֿגאַבע האָט דער דערציִער, וועלכע איז זײַןווירקלעכע ראָל? – ענטפֿערט קאָרטשאַק, און ער ווײַזט אָן קוֹדֶם־כּל, וואָס ער דאַרף נישט זיין.

„עס איז אָן אומזין, אַז דער דערציִער זאָל נאָר אויספֿירן די פֿונקציע פֿון אַן אויפֿזע׳ער איבער די ווענט און מעבל פֿון אינטערנאַט; אַז ער זאָל אָפּהיטן די שטילקייט אויפֿן הויף; אַז דעם קינדס אויערן זאָלן זיין רײַן; אַז די צעווילדעוועטע סטאַדעס שאָף זאָלן קיין שלעכטס נישט אָנטון, נישט שטערן חָלִילָה די עלטערע מענטשן אין זײַער נאָרמאַלער אַרבעט און פֿרײַלעכע אונטערהאַלטן; אַז ער זאָל זיין נאָר דער שליסל־היטער פֿון צעריסענע, פֿאַרלאָטעטע הויזן און שיך“.

די ווירקלעכע אויפֿגאַבע פֿונעם דערציִער איז פֿאַר קאָרטשאַקן – אָפּצוהיטן די רעכט צו מעגן זיין אַ קינד.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס – דער דערציִער מוז זיין דער פֿאַרטיידיקער און מאָנער פֿאַרן קינד.

אַז דאָס קינד איז גערעכט – איז פֿאַר אים אַ פּרינציפּ, אין וועלכן דער דערציִער מוז כְּסֵדֶר געדענקען, אַלענפֿאַלס – היטן זיך נישט איבערצוטרײַבן דעם קינדס שולד.

**„גערעכט. דאָס קינד איז גערעכט – זאָגט ער – אין די מערסטע פֿאַלן ביסטו נישט גערעכט. דאָס קינד איז אַ שטרענגער ריכטער פֿון אַלע דײַנע מַעֲשׂים. זיי יוֹשֶרדיק מיטן קינד, יוֹשֶרדיק ביזן סוף, אַנדערש – וועסטו נישט געווינען זײַן צוטרוי.**

**„דאָס קינד איז פֿילבאַר אויף יעדער פֿאַלשקײַט, אֲפִילוּ דאָס קלענסטע. געדענק: דו ביסט אַ גרעסערער עגאָיסט פֿון קינד, און דו טאָרסט נישט פֿון אים פֿאָדערן, ער זאָל טון וואָס דו ווילסט“.**

**קאָרטשאַק פֿאָדערט פֿון דערציער אַ סך אויפֿמערקזאַמקײַט, וואַכזאַמקײַט צום קינד. איינ־קוקן זיך צו זײַן דֶרֶך און האַנדלונגען, נאָר נישט דערדריקן אים מיט פֿאָדערונגען און אומ־נויטיקע באַפֿעלן. זיי וועלן סײַוויסיי נישט העלפֿן.**

**„ווײַל עס איז נישט מעגלעך צו קאָרעגירן די נאַטור. עס איז נישט מעגלעך צו פֿאַרוואַנדלען דעם לעבעדיקן שטיפֿער אין אַ רויִקן און געהאָרכזאַמען. דער אומ'צוטרוילעכערער און אַנגעכמורעטער וועט נישט ווערן אויפֿריכטיק און צוטרוילעך, פּונקט ווי דער אַמביציִעזער און עַקְשָן וועט נישט ווערן מילד און אונטערטעניק“.**

**אין זײַן בוך זכרונות וועגן חורבן וואַרשע*[10]) דערציילט יאָנאַס ;טורקאָוו פֿאָלגענדיקע פּרטים וועגן דעם לעצטן מאַרש פֿון יאַנוש קאָרטשאַק מיט זײַנע קינדער:**

**„צווישן די געקומענע זענען געווען רי וווּנדערבאָרע קינדער פֿון יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים־הויז. זיי זענעז געגאַנגען, די ציכטיקע קינדער, אין זײַערע יום־טובדיקע קלייד־ערלעך. איז די זעלביקע, וואָס כ'האָב זיי נישט לאַנג צוריק געזען פֿריילעכע, צעשטראַלטע אויף דער בינע פֿון טעאַטער ״פֿעמינאַ״ דעמאָלט איז געווען זײַער יום־טוב, דער יום־טוב פֿון ״חודש פּונעם קינד״ – די צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק...**

**הײַנט גייען זיי, די זעלביקע יום־טובדיק אויסגעפּוצטע קינדערלעך, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענטלעך צו אַן אומבאַקאַנטן וועג, וואָס פֿירט דורך דעם אומשלאַג־פּלאַץ. ווו היין פֿירט דער וועג? – נישט איין קינדיש קעפּל טראַכט איצט אַוודאי וועגן דעם, אָבער איז איבערצייגט, אַז צו קיין שלעכטס זיכער נישט, וואָרום קען דען זייער לערער און זייער פֿאָטער, ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, זיי פֿירן אויף אַ שלעכטן וועג? און הגם יאַנוש קאָרטשאַקן האָט דער תַּלְיָן בראַנדט געוואָלט אַרויסליען פֿון אומשלאַג־פּלאַץ, האָט ער נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט זײַנע איבער אַלעם געליבטע קינדער און איז צוזאַמען מיט זיי אַרײַן אין וואַגאָן און צוזאַמען מיט זיי אָפּגעפֿאָרן קיין טרעבלינקע...“**

## וואָס קען מען אָנווענדן הײַנט?

(טעמע פֿאַר דיסקוסיע)

(* [10]זע: יאָנאַס ;טורקאָוו: אזוי איז עס געווען (חרבן וואַרשע), באַנד 27 פֿון דער ביכער־סעריע ״דאָס פוילישע יידנטום“.

# Appendix – תּוֹסֶפֶת

## Universal Declaration of Human Rights (Artikel 26) [1948]
## Allgemeine Erklärung der Menschenrechte

### Artikel 26
### אַרטיקל 26

1. Jeder hat das Recht auf Bildung. Die Bildung ist unentgeltlich, zum mindesten der Grundschulunterricht und die grundlegende Bildung. Der Grundschulunterricht ist obligatorisch. Fach- und Berufsschulunterricht müssen allgemein verfügbar gemacht werden, und der Hochschulunterricht muss allen gleichermaßen entsprechend ihren Fähigkeiten offen stehen.

**1. יעדער האָט אַ רעכט אויף דערציונג. דערציונג זאָל זײַן אומזיסט, לפּחות אין די עלעמענטאַרישע און פֿונדאַמענטאַלע סטאַדיעס. עלעמענטאַרע דערציונג זאָל זײַן אָבליגאַטאָריש. טעכנישע און פֿאַכמענערישע דערציונג זאָלן ברייט צוגעשטעלט ווערן, און העכערע בילדונג דאַרף זײַן צוטריטלעך צו אַלעמען לויטן אַקאַדעמישן ווערט.**

2. Die Bildung muss auf die volle Entfaltung der menschlichen Persönlichkeit und auf die Stärkung der Achtung vor den Menschenrechten und Grundfreiheiten gerichtet sein. Sie muss zu Verständnis, Toleranz und Freundschaft zwischen allen Nationen und allen rassischen oder religiösen Gruppen beitragen und der Tätigkeit der Vereinten Nationen für die Wahrung des Friedens förderlich sein.

**2. דער ציל פֿון דערציונג זאָל זײַן די פֿולפֿאַכיקע אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשישער פּערזענלעכקייט און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון רעספּעקט צו מענטשנרעכט און גרונטלעכע פֿרײַהייטן. די דערציונג זאָל דערמוטיקן פֿאַרשטאַנד, טאָלעראַנץ, און פֿרײַנדשאַפֿט צווישן אַלע פֿעלקער, ראַסן־ און רעליגיעזע־ גרופּעס, און זאָל אונטערשטיצן די אַקטיוויטעטן פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אויף אויסצוהאַלטן שלום.**

3. Die Eltern haben ein vorrangiges Recht, die Art der Bildung zu wählen, die ihren Kindern zuteil werden soll.

**3. די עלטערן האָבן אַ רעכט אויף אויסקלײַבן אין פֿאָרויס וואָס פֿאַר אַ דערציונג זייערע קינדער זאָלן באַקומען**

**Yiddish by Raphael Finkel & Sholem Berger, University of Kentucky, USA [1998]**







*Der jüdische Ansiedlungsrayon im Russischen Reich, durch Gesetze von 1795 und 1835 festgelegt, beherbergte 1897 etwa 4,9 Mill. Juden.*

# ביבליאָגראַפֿיע


- Bernfeld, Siegfried - *Jüdische Erziehung* [jüdische Enzyklopädie, russ]
- Bloshtein, Moses - *A Lerer redt sich arop fun Harzn* [1959]
- Cherikover, Ilja - *Staatliche jüdische Bildungseinrichtungen*
- Dubovski - *Jidische Schul-Organisazi'e in Estland* [Schul Almanach, 1935]
- Frank, Herman - *Jidische Schul-Bawegung iber der Welt* [Schul Almanach, 1935]
- Fridman, Filip - *Joseph Perl un sajn Schul* [Yivo-Bleter #31,32-1948][
- G.B. - *Jidische Schul-Wesn in Lite* [Schul Almanach, 1935]
- Golomb, Abraham - *A halber Jorhundert jidische Derziung* (Arajnfir) [1957]
- Jefrojkin - *Jiddisch-weltleche Schul in Letland* [Schul Almanach, 1935]
- Jüdische Bildung [jüdische Enzyklopädie, russ]
- JZBK - Pludermacher, G. - *Geschichte fun jid.-weltl. Schulwesn in Wilne* [1924]
- JZBK - Schabad, Zemach - *Jidische Schul in Wilner Kant* [1924]
- JZBK - Schur, M. - *Finf Jor Jidischn Zentraln Bildungs-Komitet* [1924]
- Kasteljanski - *Jidische Schul-Wesn in Ratn-Farband* [Schul Almanach, 1935]
- Kazdan, Chaim - *Fun Chejder un Schkoleß bis Zischo* [1956]
- Kazdan, Chaim - *Geschichte fun Jidischn Schulwesn in Pojln* [1947]
- Kazdan, Chaim - *Jidische Schul in Pojln* (Zi'scho) [Schul Almanach, 1935]
- Kazdan, Chaim - *Pedag. Journaln* [Yivo-Bleter #27-1946]
- Lehrer, Leibush - *Bamerkung wegn Derziung* [Yivo-Bleter #05-1933]
- Lehrer, Leibush - *Derziung un Kontrole* [Yivo-Bleter #07-1934]
- Lehrer, Leibush - *Derziung un Lebn* [Yivo-Bleter #08-1935]
- Lehrer, Leibush - *Kindheit un Derwaksnkajt* [Yivo-Bleter #06-1934]
- Lehrer, Leibush - *Lerer un Schuln* [Yivo-Bleter #09-1936]
- Lustiger, Arno - *Jüdische Kultur in Ostmitteleuropa am Beispiel Polens*
- Mendelson, Shloyme - *Jidische Schul-Wesn in Pojln* [1949]
- Mishkovsky - *Erschte jidisch.-weltliche Schul in Rußland* [Schul Almanach, 1935]
- Natanblut, Ana - *Schul in Warschewer Geto* [Yivo-Bleter #30-1947]
- Niger, Samuel - *In Kamf far a najer Derziung* (1.K) [1940[
- Pishtshazer - *130 Eltern-Interwiuen* [Yivo-Bleter #10-1936]
- Pishtshazer - *Ojsklajbn a Schul* [Yivo-Bleter #12-1937]
- Pludermacher, Gershon - *Moderner jidische Schul-Wesn in Wilne* [Schul Almanach, 1935]
- Progr.-Welt-Schul - *Ich un di Jidische Schul* (Simposium) [1962]
- Pupko, Ch. - *Wilne, dos Wigele fun der jidisch-weltlicher Schul* [1935]
- R.M. - *Kamf far der jid. Schul in Rumenje* [Schul Almanach, 1935]
- Resnik, Yakov - *Teorie un Praktik in Schul* (Gruntfragn fun Didaktik) [1935, Moskwe]
- Sapoznikow, Gershon - *Schmuesn mit Eltern wegn Kinder* [1941]
- Staatlichen Jüdische Bildungs-Einrichtungen [jud.Enzykl, russ]
- Stöger, Michael - *Unterrichtswesen d. Juden in Galizien*, in: *Darstellung der gesetzl. Verfassung der galizischen Judenschaft,* 1. Band, [Lemberg, 1833] p.111-139
- Vasertsug, Zalman - *Korczak* (Lerer un Derzier) [1953]